# אויף אַלטער ערד

עס וואָלט געווען ריכטיקער: אויף היימישער ערד. אין דעם ליגט דאָס פּעלערהאַפּטע און דאָס פאַרדינסטלעכע פון דעם ראָמאַן*). וואָס איז די מעלה פון דעם בוך? עס איז אויף היימישער ערד. וואָס איז דער חסרון פון דעם בוך? עס איז אויף היימישער ערד.

גוטמוטיק, היימישלעך, וואַרעמלעך. עס ווייעט אַ ליבער הויך. די פּאַרשוינטעס און פּאַרשוינען — חלוצות און חלוצים — וואוילע מיידלעך און וואוילע בחורים. ווען איר וואָלט זיי ערגעץ געטראָפן, וואָלטן זיי אייך געפעלן געוואָרן. און אַז דער מחבר האָט זיי באַגעגנט, האָט ער זיי טאַקי ליב געקראָגן. ער איז זיי נאָענט. נאָך מער: אַ גלייכער מיט גלייכע. זיי זיינען נישט נאַרישער פון אים. ער איז נישט גרעסער פון זיי. נאָר לעבט זיך יעדערער אויף זיין פאַסאָן. זיי לעבן און לייענען, ער לעבט און שרייבט. זיי זיינען צופרידן־מרה־שחורהדיק, קבצניש־פריילעך, זינגען פאַר צרות, טאַנצן אין געהאַקטע וואונדן. נאָר, נאָר זינגען און טאַנצן. פאַרוואָס נישט? מען איז דאָך עפּעס ביי זיך „אין דערהיים". דער מחבר שרייבט אויך ביי זיך אין דערהיים. נישט געבאָרגט. נישט גענומען אויף פּראָקאָט. אייגענער סוזשעט, אייגענע מענטשן, אייגענע האַנדלונג. נישט צו־רייך. נישט צופיל לוקסוס. ער האָט אַביסל געזען, איז עס געוואָרן ביי אים אַ דערלעבעניש. ער האָט

*) בנימין רעסלער — אויף אַלטער ערד (ראָמאַן). ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1927.

אַביסל געלעבט, האָט ער עס אויפגעשריבן. נישט קיין גרויס פאַרמעג, אָבער אייגנס, טשעם כאַטאָ באַגאַטאָ.

דער אופן פון רעסלערס עקספּאַנירן האָט אין זיך פון אַ באַלע־באַטיש גלעזל טיי, נאָר וואָס פאַרברים, מיט אַ פיין שטיקל לימענע, און מיט קאַרשן־זאַפט, וואָס אַ בכבודע באַלעבאָסטע פאַרגעסט נישט צו רעזערווירן אויף אַ גאַנץ יאָר אין אַ ברייט־בייכיקן גאָנשער.

זיצט מען ביים טיש. מען געניסט פון כיבוד. מען טרינקט גע־מיטלעך. מען דערציילט זיך מעשות. וויל איינער אויסנעמען מיט זיין העלדישקייט, וויזן, אַז ער איז אַ כוואַט, דערציילט ער פון זיינע גבורות. און די אידילישע, סאָלידע היימישקייט שטעקט זיך אָן מיט אוואַנטוריסטישקייט. עס איז אָן עצלות, וואָס שפּאַנט פונדעסטוועגן אַקטיוו אין אַ וויטן געביט אַוועק. עס איז דער אַראַבער, וועלכער האַלט פאַרלייגט די פיס און פּיפּקעוועט די נאַרגילע. ער זיצט פויל און נאַכלאַזיק, און דאָך וועקט ער אין אייך אַ חשק זיך צו לאָזן אין וויטע מדבריות... דאָס גוט באַקאַנטע האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ פרעמדע הויט און געוואָרן עקזאָטיש. — זיצט מען אַזוי ביים טיש, און מען הערט זיך איין ווי עס פאַלן קנאה־וועקנדיקע און גלייכצייטיק מוט־אַריינברענגענדיקע ווערטער: „האָב איך זיי געזאָגט: הערט זיך איין צו מיין וואָרט, דו שייך, אַבאַ חאַסאַן, און איר, עלטסטע זקנים פון שבט: — אָן עוולה איז געשען צו מיינע ברידער, וואָס וואוינען אין זייערע געצעלטן אַ דריי שעה פאַמעלעכן גאַנג פון אייך. בין איך די צונג פון מיינע ברידער און איר דאַרפט הערן מיין וואָרט: אויב די שטאַל וועט נישט פול ווערן, וועט אַ לייב פון איר אַרויס און אייך אַלע פאַרצוקן! נישט זיינען מיר שרעקעוודיקע, נישט האָבן מיר פחד אין אונדזערע הערצער. אַ סימן: — אין שטיי דאָ פאַר אייך, ס'כלי־זיין האָב איך איבערגעלאָזט אויף יענער זייט געצעלט — קאָנט איר דאָ מיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ און אין דרויסן זאָל אומזיסט מיין פערד וואַרטן אויפן רייטער... האָבן זיי מיר געענטפערט: זאָל גע־לויבט זיין אַלאה אונדזער גאָט, וואָס אַ חוץ אים איז נישטאָ קיין גאָט.

דו ביסט אונדזער אורה, וואָס דיינע פיס... — האָבן זיי מיר גע־ענטפערט".

און וועט אַ פרוי זיצן דערנעבן און הערן, וועט דער דערציילער אויסוואַקסן ביי איר אין די אויגן צו אַ גבור, צו אַ ריז. און ביסלעכווייז וועט איר אָנהייבן אָטעם פאַרפעלן. און קיינער, און קיינער פון די אַנ־וועזנדיקע וועט נישט פילן, וועט נישט אָנען, אַז אומבאַמערקטערהייט באַוועגן זיך אירע ליפּן: „מיינער! מיין מאירל? מיינער! דער העלד געווינט: ער האָט עפּעס דערוואָרבן. און דער שרייבער — אויך: ער האָט אַרויסגעקראָגן אייגנאַרטיקס, אונדז־נאָענטס, און דער־פאַר: עטוואָס נייס. וויפיל תחבולות ווענדן אָן ראָמאַניסטן, אַז די ליבע־פאַרבינדונג אין זייערע ווערק זאָל אַרויסקומען נישט אַזוי טרי־וויאַל און אויסגעטראָטן. מאַנכע פון זיי גיבן זיך אָן עצה, זיי מאַכן זיך באַקוועם, אויסשטרייכנדיק אינגאַנצן דעם דאָזיקן מאָמענט. דער־ציילן זיי אַ מעשה אָן אַ מעשה, שאַפן ראָמאַנען אָן ראָמאַנען. די פרוי הערט אויף צו זיין דאָמינירנדיק. נאָר דערמיט איז זייער ווייניק געראָטעוועט. זיי גיבן נישט קיין קאָמפּענסאַציע, פילן נישט אָן דעם בלויז מיט אָן אַנדערן, אַ נייערן רייץ. עס איז בלויז פאַרלייקענונג פון דעם אמת. דער אמת איז, אַז מען ליבט זיך פאָרט...

נאָר ווען מען באַרגט נישט ביי קיינעם, מען נעמט נישט פון דער פרעמד, ווען מען לעבט נישט פון גרייטן, נאָר מען פאַרפאָלגט דאָס לעבן אין זיין אויפקומען, מוז ממילא אַרויסקומען אייגנס, פונקט ווי יעדער טאָג, ווי יעדער צייט־אָפּשניט איז פריש. ווייל ער איז נאָך ביז איצט נישט געווען. און בנימין רעסלערן גיט זיך איין אַזוי לייכט, כמעט צופעליק, אַריינצוקומען אין יענעם ווינקל, וואוהין דער צוטריט האָט אין פלוג אויסגעזען צו זיין שווער.

באַלד אין אָנהייב ווערט די דערציילונג איינגעפעדימט גוזמאדיק, עקסטראַוואַגאַנט, אַוואַנטוריסטיש. אָן אַוואַנטורע, וואָס איז אַזאַ דאַנק־באַרער מאַטעריאַל פאַר אַ ראָמאַן, אָבער אָן דער אויגנרייסנדיקער נישטאַיקייט פון אויסטערלישע עפּיזאָדן אין אַ רעאַליסטישער דער־ציילונג.

אַ מײדל מיט אינטעליגענטישע רעפלעקסן, אַ פּאַרטראַכטע, אַן אידעאַליסטקע פֿאַרליבט זיך אין אַ גזלן. איר הערט? איז דאָס נישט אַמאָל מעלאָדראַמע? נישט װאָלול אײנגעשאַפּטע אַפּעקטאַציִע? און װי קומט דאָס עפּעס צו ייִדן? אָבער עס קומט שוין דװקא יאָ. דאָס לעבן ליפֿערט געגוג מעגלעכקייטן. און בײ ייִדן נישט מינדער װי אַנדערשװאו.

אַראָבער מאַכן אַן אַנפֿאַל אויף אַ קבוצה אין ארץ־ישראל. די בחורים און בחורות זײנען דורכגעגאַנגען אַ האַרבע שולע פֿון פֿאַרהאַרטעװען זיך, פֿון זעלבסטשטענדיק זײן. זײ װײסן, װי אַזוי מען הייבט אַ האַנט. אָבער פּונקט װי אין יעדער געזעלשאַפֿטלעכער קערפּערשאַפֿט איז אויך דאָ פֿאַראַן אײנער, װעלכער איז דער מיטלפּונקט פֿון אַלע־מענס האַפֿנונגען. אַלע אויגן זײנען געװענדט צום סאַמע דרייסטן צװישן די אומאיבערגעשראָקענע, צו מאירל גזלן. אַט דער יונג איז אַ לױפֿער, אַ מוסר־נפֿשניק. אַז ער זעצט זיך אַרויף אויף דעם אַראַ־בישן פֿערדל, װאָס איז שוין געיידישט מיטן נאָמען „נשר", עקזיסטירט נישט פֿאַר אים קײן מכשול, קײן באַרג, קײן צוים, קײן פֿעלזן. ער יאָגט זיך, װי אַ צעיושעטער שמורמװינט, און קומט־אָן װאוהין ער דאַרף. און אַז ער קומט צוריק און גיט איבער, אַז ער איז געװען און האָט געזיגט, און דער כבוד פֿון זײנע ברידער איז געראַטעװעט, — איז דאָך אַזוי נאַטירלעך, אַז נחמה, אָט די װאוילע מײדל, זאָל שטײן בײ אַן אָפֿענעם צריפֿל און שװידערן. עס איז נאַטירלעך, און מיר באַ־גרײפֿן, פֿאַרװאָס אירע קני װאַקלען זיך און אירע ליפּן ציטערן: „און װי אַזוי־זשע װעט דאָס זײן, און איך האָב דאָך טעג אויף אים געװאַרט... איך האָב דאָך די אויגן אויסגעקוקט און בין אין בענק־שאַפֿט אויסגעגאַנגען... װי אַזוי־זשע? — אויפֿגײן װעט דאָך באַלד דער מאָרגנשטערן און...".

מיר גלויבן אין דעם, הגם דער מחבר האָט נישט געװאונען אונדזער פֿולן צוטרוי. דאָ זײנען געװען מעגלעכקײטן אויף אַ ברייטן לייװנט. װאָלט דער דערצײלער אונדז געװיזן דעם אַנפֿאַל גופֿא און די פֿאַרטײדיקונג גופֿא, און װאָלט פֿון די אַלע איבעריקע זיך אַרויס־

געשיילט דער הויפּט־העלד מיט זיין מעכטיקייט, מיט זיין איבערוואָג, וואָלטן מיר געהאַט פאַר זיך פאַרנעמעריש, באַדייטנדיק, אין־זכרון־זיך־איינקריצנדיקס, אַטעמפּול־עפּישס. ער האָט אָבער אַזוי נישט געטאָן. מיר שטייען באַלד פאַר אַ געשעענעם פאַקט. דער ראָמאַן הייבט זיך אָן מיט דעם גזלנס צוריקקער, ווען ער קומט שוין מיט אַ פאַרטיקער בשורה וועגן געראַטעוועטן יידישן פּרעסטיזש.

איז עס אַ פעלער און עס פאַרדריסט. און אויב מען איז דעם מחבר דאָך מוחל, איז עס צוליב דעם טאָן, צוליב דעם היימישן, פאַמיליערן, וואַרעמען טאָן. דאָס דערציילן אין אַ היימישער סביבה באַפרייט פון עפּעס. דאָס נישט דערזאָגטע דעקט זיך מיט דעם פאַרויס באַקאַנטן. מען דאַרף נישט אָנהייבן פון אַלף. מען רעדט דאָך צווישן היימישע מענטשן, זיי ווייסן שוין וואָס מען מיינט... (דערמיט זאָל אפשר זיין באַרעכטיקט דאָס, וואָס עס קומט אָפּט אויס צו אָבסערווירן, אַז י ע ד ע ר מ ע נ ט ש א י ז ב י י ז י ך א י ן ש טו ב אַ ק י נ ס ט ל ע ר . . . ) און ווייל דאָ איז נוסחדיק געוואָרן געשאַפן אַ פאַמיליערע אַטמאָספערע, דערפאַר ווערט אונדז מאירל נאָענט און סימפּאַטיש. מיר פאַרלירן צו אים דעם אומצוטרוי, וועלכן מיר האָבן געוויינלעך צו אַ מענטש, וואָס מיר טרעפן דאָס ערשטע מאָל אין גאַס אָדער אין בוך. ווי מיר האָבן שוין אַמאָל געהערט וועגן אים, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז ער עקזיסטירט, הגם מיר הערן אים דערווייל בלויז ריידנדיק און זעען אים נישט זיך באַוועגנדיק. און אַזוי ווי יעדע עקזיסטענץ האָט אין זיך די פּאָטענץ פון יוירן און וואַקסן, בכן זיינען מיר אויך איבערצייגט אין זיין אויפגיין און זיין אויסקריסטאַליזירן זיך. כאַטש דער פּראָצעס פון זיין דייטלעכבער און לעבעדיקער ווערן שפּילט זיך אויך אָפּ מיט די אייגענע חסרונות און מעלות. ווי אַזוי וואַקסט ער אויס, דער העלד, ווי אַזוי ווערט ער לעבנספּולער און פליישיקער?

דאָס באַקומט זיך דענסטמאָל, ווען דער שרייבער פירט אים צונויף מיט דער אַרומיקייט. דענסטמאָל געשעט, אַז דאָס פריערדיקע גרויסע נאָר כאַאָטישע ווערט איצט קלענער אָבער קלאָרער. אַנשטאַט הערא־

אישער לאָזונג — ראַנגלענדיקער מענטש. דער פּריערדיקער „גזלן" ווערט איצט אַ נגזל. דער תקיפדיקער, פאַרהאַרטעוועטער, אומבויג־זאַמער נפש הייבט אָן דערשלאָגן ווערן און פאַרצוויפלען און זיך בייגן אונטער דער לאַסט פון זיין צונויפטרעפן זיך מיט די אַלע אדונים און אדונטשיקלעך, פּקידים און פּקידימלעך, מיט די כלל־ישראל־קאָכ־לעפל אויף דער אַלטער ערד.

איז עס אַ פיינער בעלעטריסטישער צוג. דאָ מאַניפעסטירט זיך ממשותדיקער טאַלאַנט. אָבער איז ווידער אויפפאַלנדיק דאָס, וואָס איך האָב שוין אויבן באַמערקט. אויך דאָ איז נישט אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך געווען. אויך דאָ בעט זיך, באמת, דאָ בעט זיך פשוט רחמים צו געבן בילד־פאַרגרעסערונג, מער זיכערקייט און ברייטקייט פון ליניע, מער געדיכטקייט פון פאַרב און האַרמאָניע פון פאַרב. ווייל דאָ איז אַריינגעשניטן אין אַ געשוויר אויף דעם פלייש פון אונדזער ליבהאַרציקן אַלטניילאַנד. און עס וואָלט שוין געמעגט זיין די העכסטע צייט, עס זאָל קומען אַ פּראָזאַאיקער מיט אַן ענערגישער פען און אַן שוינונג און פאַרגלעטונג אויפדעקן די אַלע ענינים און ענינימלעך, טראַנזאַקציעס און מאַכערייקעס, וואָס די פאַרשיידענע פענצאַקס און דר. פורינאָווסקיס קאָמבינירן אויפן חשבון פון די הונגעריקע און באָרוועסע פּיאָנערן־אידעאַליסטן.

בנימין רעסלער באַנוגנט זיך מיט דעמאָנסטרירן פענצאַקן ווען „ער איז... פאַרטיפט אין בריוו לייענען. צענדליקער בריוו אין פאַר־שיידענע קאָלירטע קאָנווערטן און פאַרשיידענע פאָרמאַטן". איז גוט. וואָס עס איז געלונגען אונטערצוציינדן דעם כעס ביים לעזער דורך פאַרבולטן די קאָנטראַסטן. פון איין זייט: מאירל, דער רויער, אָנקונצנ־דיקער ערלעכער יונג, וועלכער איז צו יעדער צייט מוכן ומזומן אויסצוזעצן זיין נפש אויף אַלערליי סכנות פאַר יעדן דונאָם יידישע ערד; פון דער ווייטער זייט — פענצאַק, דאָס מענטשל מיטן נישט דערוואַקסענעם מיניסטערקעפּל, מיט דער אָנגעפּראַפּטער טעקע און מיט דעם טאַנצנדיקן חווק אונטער די היידאַמאַצקע וואָנסעלעך. און אַז דער ערשטער וועט נאָך צענדליקער יאָרן נע־ונדקייט און מסירת־נפש

פֿאַר אַנדערע זיך דערמאָנען, אַז שוין צייט ער זאָל פֿאַר זיך אַליין אויך עפּעס זאָרגן, און קומען וועט ער נאָך אַ שטיקל באָדן פֿאַר זיך מיט זיין אויסדערוויילטער, ער זאָל אַ הייזל אויפֿשטעלן. און אַ טענה וועט ער האָבן אַ געדעכטע: „איך בין מיד... איך וויל שוין רוען. כ׳וויל זיך באַזעצן פֿאַר זיך, און אַן עק האָט עס גענומען. כ׳מיין, אַז מיר... מיר מאַירלען... איך ווער שוין אַ באַוויבטער... כ׳האָב מיר אַ בחורה אויסגעזוכט... הערסט, פענצאַק? אַן אַלטער סאָלדאַט בין איך... מיר קומט שוין צו זיין... ניין! נישט דאָס! איך בין נאָך שטאַלערן! אָבער איך האָב שוין געפֿונען, פֿאַרשטייסט?" יאָ, קיינער לייקנט נישט. אוודאי קומט אים. ער האָט כשר פֿאַרדינט. נאָר דער שכר זיינער וועט זיין „ אַ פּיפּיק־פּקידיש־ביוראָקראַטישער ענטפֿער: „אוודאי פֿאַרשטיי איך, נאָר... אויף באָדן, חביבי, אַרויפֿיקומען גייט נישט אַזוי גיך, מ׳דאַרף..." — „וואָס דאַרף מען?" איר ווערט גע־וואָר שפּעטער, אַז מען דאַרף „געלט... געלט..." ווערט דאָ עפּעס דער־גרייכט. עס רעגנט אויף. דער לעזער ווערט אויך קאָנפֿוזירט, ווי דער העלד מאַירל, וועלכער שאַרט שוין אומגעדולדיק מיט אַ פֿוס, דרייט זיך אַהין און אַהער אויפֿן בענקל, און בייסט איין אין דער אונטערשטער ליפּ.

אָבער עס האָט געקענט דערגרייכט ווערן פֿיל מער. מיר באַטראַכטן געניטער אַזעלכע סצענעס, מיר לייענען ווי אונדזערע פֿרישגעבאַקענע ביוראָקראַטלעך פֿון דעם „באַרימטן פֿאַלקס־פֿאַרזאָרגער־הויז" פּטרן אָפּ זייערע פֿאַרדינסטפֿולסטע פּעטענטן*) מיט תירוצים. ווי למשל, עס איז נישט „אינגאַנצן זייער רעסאָרט", און אַז ער קען נאָר צוזאָגן, אַז ביי אַ געלעגנהייט וועט ער איבעררעדן מיטן דאָקטאָר פּורינאָווסקי. אָבער עס דאַרף דויערן, ווייל יענער איז היינט נישט הי. און באַלד וועט זיך אַרויסווייזן דער ליגן. פענצאַק וועט אַ שפּרונג־טאָן ווי אַ קאַץ און אַ כאַפּ־טאָן דאָס רערל פֿונעם קלינגענדיקן טעלעפֿאָן: „האַלאָ! ווער רעדט דאָרט? האָ, דר. פּורינאָווסקי? — יאָ, יאָ, אין דערהיים

*) פּעטענט — איינער וואָס גיט אָן אַ פּעטיציע.

ביי איך? טוב! נו? יאָ! מיר זאָלן זיך באַלד טרעפן? אַ וואוילער ענינדל, זאָגט איר? טוב! טשיקאַווע, טאַקע טשיקאַווע. גוט!..." אין אַ רגע שפּעטער, אַז מאירל וועט ווידער צושטיין מיט טענות, וועט זיין די תשובה „איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז פּורינאַווסקי איז נישט הי..." האָט געקענט געשען, אַז דער לעזער זאָל אַריינפאַלן אין אַ דעליריאום נישט ווייניקער ווי דער „גזלן" גופא. וואָס זיין פּנים ווערט רויט און בלאַס, בלאַס און רויט; לעשט זיך אויס און אַ פייער קומט פאַרסניי, צינדט זיך אָן, פאַרציט זיך אַזש ביז האַלבן קאָפּ, וואָס איז נאַקעט, און צו די שלייפן וואָס האַמערן אַנגעשוואָלענע.

אַזוי וואָלט געקענט געשען, ווען מען דערציילט אונדז נישט בדרך רמז, אַז יענער מיטן פאַרטפעל הערט נישט, וואָס מען רעדט צו אים, זייענדיק פאַרזונקען אין אַלערליי קאָליריקע קאַנווערטן און פון אַלע פאַרמאַטן. אַזוי האָט געקענט זיין, ווען מען זאָל זיך מטריח זיין, אַרויסשלעפּן די פּאַפּיר־בייגעלעך פון די קאָנווערטן און מיר זאָלן געוואָר ווערן איינצלהייטלעך און אכזריותדיק ראַיעל וועגן אַלץ וואָס דאָרט קומט־פאָר. און אויב פאַר דעם „פּאָלקס־פאַרזאָרגער" איז עס אַזאַ „וואוילער ענינדל" און אַזוי „טוב" און „טאַקע טשיקאַווע", איז עס פאַר אונדז נאָך מער „טשיקאַווע" און „טוב" און „גוט" צו וויסן.

אַ פאַרגעפּיל זאָגט אונדז, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מאָדערנעם אויפקום פון טאַקסעדיקייט, און דאָ האָט געקענט געשאַפן ווערן אַ קלאַסיש ווערק. מ'האָט אָבער געדאַרפט צו דעם אַרטיסטישן געדולד, אויסדויער, אַרבעטזאַמקייט, דרייסטקייט.

דער מחבר האָט עפּעס אַ מיטל, וואָס העלפט אים גרינג און שנעל צו שאַפן אַטמאָספערע. איז זי טאַקע גאָר אָפט דער עיקר. דער פאָן, אויף וועלכן עס שפּילן זיך אָפּ די געשעענישן, איז זי חשיבותדיקער ווי די געשעענישן גופא. די לעצטע ווערן שפּילעוודיקער און אמתער אַ דאַנק דאָס ערשטע. דער טונקעלער הינטערגרונט אין דער שילדערונג פון דער קבוצה־פאַרזאַמלונג אין צוריה פאַרבילדלעכט, מאַכט קלע־רער, פאַרוואָס נחמה לאָזט איבער אירע חברים און אפילו איר געליבטן און גייט אַוועק מיט דעם אַמעריקאַנער מיסטער שטיפעלמאַן.

פון דער צווייטער זייט ווידער די אַנצוהערענישן וועגן „מיר רייסן פעלזן מיט די ציינער און זינגען הונגעריקע״, וועגן „מיר באַרוויסע כהנים״, וועגן די אַלע שומרים־טענצלעך, די הורהס, די חסידישע ניגונים, די קאַמאַרינסקי־מוזשיקלעך — מאַכן באַגרייפלעך, פאַרוואָס די אייגענע נחמה וואַרפט אַוועק דעם אַמעריקאַנער מיט זיינע גוטס, מיט זיין רייכטום, מיט זיין לוקסוס און קומט צולויפן צוריק צו אירע בריסטאַיינגעקוואַרטע, הונגעריקע, קראַנקע, שטאַרבנדיקע און זינגענ־דיקע ברידער פון יוספיה. אַן דעם וואָלטן אירע האַנדלונגען געבליבן פסיכאָלאָגיש שטאַרק נישט גערעכט. אָבער איצט הייבט איר שוין אָן צו פאַרשטיין. אמת, די פאַרשוינטע גופא זעט איר נאָר פראַגמענ־טאַריש. אָבער אַרום איר איז געשאַפן געוואָרן אַ סביבה. איר זענט געוואָרן אַנפּאַרטרויט. דער מחבר ווערט אייך אַ גוטער באַקאַנטער. איר פאַרברענגט מיט אים צוזאַמען. ער זיצט מיט אייך ביי איין טיש. און ער וועט אייך קיין ליגן נישט זאָגן...

מאַנכע פון די קאָלעגן שריפטשטעלער האָבן, ריידנדיק מיט מיר, זיך פאַסמאַקעוועט, אַזוי שטאַרק האָבן זיי הנאה פון צמחן. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת : דער דאָזיקער טיפּ הייבט מיר נישט אָן געפעלן צו ווערן. ער איז אַרויסגעקומען שלעכט, ווייל דיכטעריש אומבאַ־האָלפן. אין זיין אַסקעזע גלויב איך נישט. זיין צדקות איז אָן אויפ־געשריבענע. זיין משיחדיקייט איז כדי יוצא זיין דעם חוב פון משיח־מאָדע אין דער יידישער ליטעראַטור פון דער לעצטער צייט. און הגם עס רעדט זיך אַזוי פיל דערפון, וואָס אַמאָל האָט ער אַזוי סכנת־נפשותדיק־דאַנזשוּאַניש געהאַט צו טאָן מיט ווייבער און היינט איז ער אַ פּרוש, האָב איך אָבער אַ גרויסן חשד, אַז אַט דער חברה־מאַן האָט אויף זיין לעבן קיין איינציקע פרוי נישט געקענט (אַ חוץ דאָס איינע מאָל יענעם ביינאַכט מיט שושנהן — אָבער דאָס באַווייזט דאָך פונקט דעם היפוך פון זיין פּרישות), אַפילו ווען ער וואָלט עקזיסטירט. איך האָב אַבסאָלוט נישט די איבערצייגונג פון זיין עקזיסטענץ. ער איז אינגאַנצן אַ טויטע זאַך. וואַרטמעסיק, וואָקספיגוריש. אַ ברעקל פון אַ סילועט.

און מיינט נישט, אַז מיין ווידערווילן שטאַמט דערפון, וואָס איך בין פאַרליבט אין רעאַליסטישע העלדן, און צמח האָט צו טאָן מיט נסתרות. ניין! אדרבה. ער וואָלט מיר זייער נאָענט געווען, ווען ער וואָלט געווען, ער „איז" אָבער נישט... דער מחבר ווייזט אַרויס באַגאַבונג אין רעאַליסטיק. ער האָט זיינע איינפאַלן, ווי אַזוי זיך אַריינצוקריגן און ווערן פאַר אונדז אַ נאָענטער מענטש. מיר לאָדן אים איין, און זייער גערן טראָגן מיר אים אונטער כיבוד. ער איז אַן אַנגעלייגטער גאַסט אין אונדזער צימער. ער דערציילט שיינע מעשות. איז אָבער די שטימונג, וועלכע ער רופט אַרויס, אַ הייטערע, אַן אָפענע, אַ געמיטלעכע. און אַז פּלוצלינג פון דער העלער הויט נעמט ער אַרויסרופן גייסטער, זאָגן מיר אים: ברודערל, ניין! דאָס גייט נישט. דאָ וועט שוין אונדזער פאַמיליאַריטעט אויך גאַרנישט העלפן. דערצו איז נישט צוגעפּאַסט אונדזער צימער. אויף מעדיום־דערשיי־נונגען מוזסטו דיר שאַפן אַ ספּעציעלן ספּיריטיסטישן קאַבינעט און דאָרטן ווייזן דיינע סעאַנסן...

און צוליב דעמדאָזיקן ווילן פון מחבר צו עקספּלואַטירן אונדזער היימישקייט געפעלט אונדז אויך נישט די חברטע ברוריה פון דזשינ־דאָר. אַזעלכע מיידלעך ווילן מיר בעסער זוכן ביי רוסישע נאָוועַ־ליסטן, ווייל דאָרטן זיינען נישטאָ קיין סליאַדן פון מענטשן, נאָר מענטשן... און שושנה די יפה־פיה פון זכרון, וואָס קענען אונדז געבן די געציילטע שטריכן וועגן איר?

עס זיינען פאַראַן אַנדערע שוואַכע ערטער אין דעם ראָמאַן. און אויב איך האָב זיי פאַרשוויגן, איז עס כדאי צו דערהאַלטן גלייכגעוויכט, ווייל אין בוך זיינען נאָך דאָ זייער פיל שיינע זאַכן, וועלכע איך האָב אויך נישט דערמאָנט.